ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ה׳ | **פרשת בהר** | שנת תשע"א

**וקראתם דרור בארץ לכל יושביה:** לכאורה האט מען דאך נאר באפרייט די קנעכט, פארוואס זאגט דער פסוק אז עס איז געווען די פרייהייט **לכל יושביה?**

ענטפערט דער **פני יהושע** לויט ווי מיר האבן געלערנט אין די גמרא מס׳ קידושין (דף כ׳ ע"א) אז **כל הקונה עבד עברי כאילו קונה אדון לעצמו**, זאגט תוס׳ ווייל דער האר דארף אלעס אוועק געבן פארן עבד, אויב ער האט נאר איין קושן דארף ער דאס געבן פארן עבד, און נאך אזעלכע זאכן, ממילא קומט אויס אז ווען דער עבד ווערט באפרייט ווערט דער בעה"ב אויך באפרייט, ממילא איז דאס טאקע א **דרור לכל יושביה.**

*

**וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו:**

דער **רבי ר׳ העשיל פון קראקא** ז"ל איז מסביר דעם מדרש (שמו"ר פכ"ג) **אין ישראל ניזונין אלא בזכות האמונה**, ווייל מיר ווייסן אז **"שכר מצוה בהאי עלמא ליכא"** נאר אויפן יענע וועלט באקומט מען שכר פאר די מצוות, לכאורה איז אבער שווער הקב"ה איז דאך א שומר משמרתה של תורה, און עס שטייט אין די תורה **"ביומו תתן שכרו"** אז מען דארף נאך דעם זעלבן טאג באצאלן שכר? נאר די הלכה אין שו"ע חו"מ (סי׳ של"ט ס"ו) ווערט גע׳פסק׳עט אז אויב איינער דינגט ארבייטער׳ס דורך א שליח איז ער נישט עובר אויף **בל תלין**. איז וויבאלד די תורה איז געגעבן געווארן דורך א שליח דאס איז משה רבינו ע"ה, דארף השי"ת נישט געבן דעם שכר מצוה אויף די וועלט.

אבער אויף די צווי מצוות **אנכי ולא יהי׳ לך** וואס מען האט האט יא געהערט פון השי"ת אליינס, איז דאך יא שייך די מצוה פון **בל תלין** אויף דעם דארף השי"ת יא באצאלן אויף די וועלט. וועגן דעם זאגט דער מדרש **אין ישראל ניזונין** אז אידן האבן פרנסה אויף די וועלט, נאר אין זכות פון אמונה, דאס זענען די צווי מצות **אנכי ולא יהי׳ לך.**

זאגט דער **הייליגער עצי חיים זי"ע**, אז דער תכלית פון מצות שמיטה איז דאך אריין צו ברענגען אמונה אין אידישע הערצער, אז מ׳זאל גלייבן **לה׳ הארץ ומלואה**, און ער שפייזט די גאנצע וועלט, קומט אויס אז אויף מצות שמיטה וואס איז אמונה קומט זיך יא שכר אויף די וועלט, ווייל דאס גייט אריין אין כלל אנכי ולא יהי׳ לך.

דאס זאגט דער פסוק **וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית** אז אידן וועלן פארלאנגען די שכר מצוה וואס קומט זיי פאר מצות שמיטה, דעמאלטס **וציויתי את ברכתי**, וועט דער אייבערשטער שיקן די ברכה צו באצאלן די די שכר מצוה וואס קומט זיך פאר זיי, ווייל אויף מצות שמיטה באקומט מען יא שכר בהאי עלמא.

*

**כי ימוך אחיך ומטה ידו והחזקת בו וכו׳ וחי אחיך עמך:**

לכאורה דארף מען פארשטיין וואס קומט זאגן דאס ווארט **עמך?**

ענטפערט **הגאון רבי יהודה אסאד זצ"ל** לויט דעם וואס מיר ווייסן אז א מענטש ווערט געבוירן מיט אפענע הענט, און ביים שטארבן זענען די הענט פארמאכט, דאס איז א רמז אז ווי לאנג מ׳לעבט קען מען געבן צדקה, אבער ווען מ׳שטארבט קען מען מער נישט טון קיין מצות. אבער ווען א מענטש גיט נישט קיין צדקה ביים לעבן, און ער פארמאכט די הענט, איז ער ווי א מת, קומט אויס אז איינער וואס גיט נישט קיין צדקה ווערט אנגערופן מת.

חז"ל זאגן **עני חשוב כמת**, ממילא ווען א איד גיט נישט קיין צדקה זענען דא צווי מתים, דער עני מיטן מענטש וואס גיט נישט קיין צדקה, אבער ווען מ׳גיט יא צדקה זענען ביידע חיים, סיי דער נותן ווייל ער גיט צדקה, און סיי דער עני וואס באקומט צדקה.

**ולא תונו איש את עמיתו ויראת מאלקיך**

דער **אמרי שפר** איז מסביר פארוואס שטייט ויראת מאלקיך דוקא ביים ענין פון **ולא תונו**, ווייל דער סדר פון לשון הרע איז געוועגליך אז קודם הייבט מען אן צו רעדן אויף א פשוט׳ן מענטש, נאכדעם אויף א חשוב׳ן מענטש, און אזוי גייט עס ווייטער ביז ווען מקומט אן צו רעדן אויף כביכול ר"ל.

דאס זאגט דער פסוק **ולא תונו איש עמיתו**, וואס ווי רש"י זאגט גייט דאס ארויף אויף אונאת דברים, און דו זאלסט נישט מיינען אז עס איז נישט געפערליך ווייל דו רעדסט נאר אויף א פשוט׳ן מענטש, נאר **ויראת מאלקיך**, אז דו דארפסט מורא האבן אז מארגן וועסטו אנקומען צו רעדן אויפן רבש"ע ח"ו.

# אוצר הידיעות

## די מערכה איבער דעם פאלשן "היתר מכירה"

מיר לערנען די וואך אין די סדרה די מצוה פון שמיטה, די תורה פארלאנגט אז די ערד זאל רוען, נישט פלאנצן און זייען, די פירות פון פעלד זאלן זיין הפקר פאר יעדן, די פירות וואס וואקסן זאלן האבן א קדושה, און מצות ביעור.

פונעם חורבן בית המקדש זענען רוב פעלדער אין ארץ ישראל געווען אין גוי'אישע הענט, ממילא זענען נישט שייך געווען קיין מכשולות לגבי שמיטה. און אפילו די וואס זענען ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל, האבן זיי זיך נישט געפארעט מיט קיין פעלדער. די אלע וואס האבן געוואוינט אין ארץ ישראל האבן נאר געהאט איין שטרעבונג, זיי זענען געזעצן און געלערנט בהתמדה גדולה.

אין אנהויב פון יאר ת"ר לאלף השישי האט זיך אנגעהויבן דער ישוב אין ארץ ישראל אביסל צו פארמערן. דעמאלט איז געווען **הגאון ר' עקיבא יוסף שלעזינגער זצ"ל**, בעל מח"ס לב העברי, מיט א כוונה מקיים זיין אלע מצות התליות בארץ, ווי תרומה ומעשר און אזוי אויך שמיטה. ער האט אנגעהויבן דעם רעיון פון קאלאניזם. דאס הייסט, אז מען זאל קויפן א שטיק קרקע אין ארץ ישראל און מען זאל עס באארבייטן, און אזוי וועט אויסקומען אז מען זאל מקיים זיין די מצוות התליות בארץ.

זייער אסאך גדולי ישראל זענען געווען דערקעגן, אויס מורא אז עס וועלן ארויסקומען מכשולות וואס אנדערע וועלן אים וועלן נאכטאן און זיי וועלן שוין מזלזל זיין אין די מצות התליות בארץ.

באמת די קאלאניעס וואס ער האט מייסד געווען, זענען קודם געווען על טהרת הקודש, און יארן-לאנג זענען זיי געשטאנען על המשמר מיט מסירת נפש, עס זאלן אפגעהיטן ווערן אלע מצות כתיקונה.

במשך די יארן, האט זיך געגרינדעט אין רוסלאנד די "**חובבי ציון**" באוועגונג, וואס האט אנגעהויבן מיט א קאמפיין ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל און באזעצן שטיקער לאנד. אין יאר תרמ"ח לפ"ק איז נתייסד געווארן די ערשטע קאלאניע דורך די חברה "חובבי ציון", און די התייסדות פון די קאלאניעס איז געווען דער ערשטער פרואוו פונעם ס"מ ארויפצולייגן אירע לאפעס אויף ארץ ישראל, און ליידער עד היום הזה איז נאך ארץ ישראל נישט אויסגעלייזט געווארן פון די טומאה.

די ערשטע זאך האבן זיי מזלזל געווען אין אלע מצוות התליות בארץ. זיי זענען געווען די ערשטע אויסצורייסן בפועל שמירת המצוות אין ארץ ישראל.

ווען בשנת תרמ"ט איז אויסגעפאלן א שנת השמיטה, האבן זיי באמת נישט געהאט קיין פראבלעם אויסצורייסן שמיטה, נאר זיי האבן נאך מורא געהאט ארויסצעווייזן בפועל זייער עקירת התורה, זענען זיי דאן אפירגעקומען מיט א טענה, אז עס איז אוממעגליך צו היטן שמיטה, ווייל עס איז ממש פיקוח נפש, און דערפאר מוז מען מיקל זיין דאס מערסטע וואס שייך.

די ראשי חובבי ציון האבן זיך ארייגעלייגט צו זוכן א היתר וואס איז באשטאנען פון אזא מין שפיל, אז מען זאל פארקויפן די פעלדער פאר גוים אויף א גאנץ יאר, און שרייבן א שטר דערויף, כאטש וואס באמת איז דער גוי בכלל נישט געווען בעל הבית, און אידן קענען ווייטער געהעריג ארבייטן, ווייל מכלומר'שט די פעלדער באלאנגען דאך פאר א גוי (אנדערש ווי ביי מכירת חמץ, וואס איז א אמת'ע מכירה און דער איד טאר דאס נישט צורירן גאנץ פסח, אויסער דעם איז דא נאך מערערע חילוקים אינעם מציאות און אין די הלכה).

ווי נאר דער היתר איז ארויסגעקומען און איז באקאנט געווארן אין די גאסן פון ירושלים, האבן זיך צוזאמגענומען אלע גדולי ירושלים, ווי **הגאון רבי יהושע לייב דיסקין זצ"ל, הגאון רבי שמואל סאלאנט זצ"ל**, און זענען ארויסגעקומען מיט א מלחמה קעגן דעם מכשול וואס איז ארויסגעקומען. זיי האבן מזהיר געווען מיט אן אזהרה חמורה, אז ווער עס וועט נאר עובר זיין און ארבייטן אין שמיטה איז מבטל בידים מצות שמיטה, ופורץ גדר ינכשנו נכש וכו'. די רבנים זענען מדגיש, אז די גאונים פון חוץ לארץ וואס האבן מתיר געווען איז נאר ווייל מען האט זיי איינגערעדט אז עס רעדט זיך פון פיקוח נפש, והרוצה לשקר ירחיק עדותו.

אויך רוב גאונים פון חוץ לארץ, ווי נאר זיי האבן געהערט פונעם היתר, זענען זיי ארויס דערקעגן. **הגאון רבי יוסף דוב סאלאווייטשיק זצ"ל**, בעל בית הלוי, איז ארויס בחרב ובחנית, ווי עס שטייט באריכות אין שו"ת **בית הלוי** (ח"ג סי' א'). אויך זיין שוואגער, **דער נצי"ב מוואלאזשין זצ"ל** איז געשטאנען בראש פון די לוחמים, און ווי ער שרייבט אין שו"ת **משיב דבר** (ח"ב סי' נ"ו). מיט זיי זענען צוגעשטאנען הגאון **ר' דוד מקארלין זצ"ל** (עי' ספרו שו"ת ישועות מלכו סי' נ"ז), און אויך **הרה"ק ר' יחיאל מאלכסנדר זצ"ל**, ווי עס איז מבואר באריכות אין ס' שנת שבתון.

מיט די יארן איז געקומען קיין ארץ ישראל דער ציוני'סטישער רב הרש"ע קוק שר"י, און איינע פון די זאכן וואס ער האט געטון לעקירת התורה איז געווען וואס ער האט מחזק געווען דעם "**היתר מכירה**", און רוב גדולי ישראל האבן געפירט קעגן אים א מלחמה כבידה.

ביזן היינטיגן טאג גייט אן די מערכה, ווען עס זענען דא אסאך פעלד ארבייטער וואס פארלאזן זיך אויף די פאלשע היתרים, און זיי פארשוועכן ליידער די קדושה פון שמיטה, אבער טויזענטער ערליכע אידן זענען מקיים מצות שמיטה כדת וכדין, און עס ווערט דערציילט פלאי פלאים'דיגע מעשיות ווי אזוי דער אייבערשטער האט מקיים געווען דעם "**וציוויתי את ברכתי**" פאר די ערליכע אידן שומרי שמיטה.

# אוצר רבותינו

## וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית

עס איז ידוע וואס דער הייליגער **רבי ר' אלימלך זי"ע** ברענגט בשם דעם ברודער דער הייליגער **רבי ר' זושא זי"ע**, אז כל זמן א איד האט בטחון אין אייבערשטן איז דא א אפענע השפעה, און ווען מ'פרעגט **מה נאכל**, מיט דעם פארשטאפט מען די השפעה.

דער הייליגער רבי ר' זושא האט זיך טאקע אזוי געפירט אז ער האט נישט געבעטן צו עסן פון קיין מענטש, ווען ער איז געווארן הונגעריג האט ער געזאגט "רבונו של עולם, זושא איז הונגעריג", און דעמאלטס האט מען אים ארייגעברענגט צו עסן.

איינמאל איז ער איינגעשטאנען ביי א פשוט'ן מענטש, וואס האט נישט געפאלן דעם מהלך פונעם רבי'ן ר' זושא, און ער האט געזאגט פאר זיין משפחה אז מ'זאל נישט טראגן צו עסן פאר רבי זושא, ביז ווען ער וועט געהעריג בעטן פון זיי. און ווען רבי זושא האט געבעטן "רבש"ע זושא איז הונגעריג" האבן זיי זיך נישט וואוסנדיג געמאכט.

האט רבי זושא געזאגט "וויל מען איך זאל זאגן א קאפיטל תהילים, וועל איך זאגן"... ווען ער האט געענדיגט איין קאפיטל און ער האט נאך אלס נישט געהאט צו עסן האט ער געזאגט "וויל מען איך זאל זאגן נאך א קאפיטל תהילים וועל איך זאגן".

אינמיטן איז אריינגעקומען איינער פון די שטאטישע נגידים און געברענגט א גרויסע סעודה פארן רבי'ן ר' זושא.

און דער איד האט דערציילט אז יענעם אינדערפרי איז ער געגאנגען אויפן גאס אין די שטאט, און דורכגייענדיג א שמאלן געסל איז רבי זושא געגאנגען פאר אים שטאטליך, דער עושר האט נישט געוואוסט אז דאס איז דער רבי ר' זושא, און ער האט זיך זייער געיאגט, האט ער אים געגעבן א גוטן שטופ.שפעטער איז דער עושר געוואויר געווארן אז דאס איז געווען רבי ר' זושא, האט ער זיך זייער דערשראקן און ער האט צוגעגרייט א גרויסע סעודה און אים געקומען מפייס זיין.

# יגעת ומצאת

מיר שטייען איצט אין די ימי הספירה, וואס מען ציילט די זיבן וואכן ביז מתן תורה, וועלן מיר דא שטעלן עטליכע שאלות וואס מען רעדט ארום דערפון אין ספר החינוך, וואס זענען נוגע צו די מצוה פון ציילן "ספירת העומר. און אויך בעניני פסח שני וואס געפאלט די קומענדיגע וואך

**פארוואס ציילט מען נישט צוריקצוואוועגנס, וויפיל טעג מען האט נאך צו קבלת התורה?** (עי' בחינוך מצוה ש"ו) **- פארוואס ווען מען האלט ביי די גרויסע טעג, נאנט צום יו"ט שבועות ציילט מען נישט צוריק ציוועגס?** (עי' בחינוך הנ"ל) **- פארוואס הייסט דער פסח "פסח שני"?** (עי' במס' סוכה דף מ"ז ע"ב ברש"י ד"ה מנין לפסח שני) **- ווי אזוי נאך ווערט אנגערופן אין דברי חז"ל דער טאג פון "פסח שני"** (ר"ה משניות פ"א) **פארוואס ווערט דער תנא ר' מאיר אנגערופן רבי מאיר בעל הנס?** (עי' ע"ז דף י"ח ע"א)**- וואו ליגט באערדיגט דער תנא רבי מאיר?**

## ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס האבן שייכות מיט די שאלות פון "יגעת ומצאת")

**ספיהע"מ, למב"י, למטמוני"ם, רמבעה"נ, קר"פ, ביהמ"ק, קציהע"מ**

❀ ❀ ❀

## תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' קדושים

א. הקב"ה השביע את בנ"י בג' שבועות, שלא יעלה בחומה, שלא ידחקו את הקץ, ושלא ימרדו באומות.

ב. בספה"ק ויואל משה יש שלשה מאמרים: מאמר שלש שבועות. מאמר ישוב ארץ ישראל. מאמר לשון הקודש.

ג. במאמר א' המדובר מעניני שלש שבועות, איסור הבחירות לכנסת המינים. במאמר ב' מבואר הסוגיא אי נוהג כהיום מצות ישוב ארץ ישראל ובאיזה אופנים מותר לילך לאר"י. במאמר ג' מבואר סוגית לשונם הטמא, לימוד התורה לבנות.

ד. ספה"ק ויא"מ י"ל בשנת תשכ"א, ספה"ק על הגאולה י"ל בשנת תשכ"ז, בספה"ק על הגאולה מבאר רבינו באריכות גודל הכפירה להאמין בניסים ממעשי הרשעים והמסתעף.